# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שלח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA)
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodeztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## שלח


וה' אתנו אל תיראום - נישט דאָ וואָס צו זאָרגן, מיר זענען אין גוטע הענט . . . . . ד

כבוד חברך - די וויכטיגקייט פון היטן אויף יענעמ'ס כבוד . . . . . . . . . . . . . . .טז

ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם - אַלעס ווענדט זיך אין שמירת העינים . . כב

ימי ביכורי ענבים - די מלחמה מיט'ן יצר הרע אין חודש תמוז, איז אויף די אויגן . . כז


**ספה"ק בת עין**

... **אָמְנָם הָעִנְיָן** הוּא אבער די ענין איז אזוי: **יִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשׁוֹ הֵמָּה מְתַקְּנִים וּמַעֲלִים בְּחִינַת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם וּשְׁמִירַת הַמִּצְווֹת** די יודן – דעם באשעפער'ס הייליגע פאלק - טוען דורך זייערע מעשים און אפהיטן די מִצְווֹת אנגרייטן און אויפהייבן די בחינה פונעם באשעפער'ס מלוכה אויף די וועלט, **שֶׁמְּקַדְּשִׁים אֶת עַצְמָם בְּמַעֲשֶׂה דִּיבּוּר וּמַחְשָׁבָה בְּקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בְּאַהֲבָה וְיִרְאָה** ווייל זיי טוען זיך הייליגן בְּמַעֲשֶׂה דִּיבּוּר וּמַחְשָׁבָה מיט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת מיט אַהֲבָה און יִרְאָה. **וְעַל יְדֵי זֶה נִכְנָעִים וְנִשְׁפָּלִים כָּל מַלְכוּת עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה** און דורכדעם טוען ווערן אונטערטעניגט און אונטערגעדריקט אלע קעניגרייכן פון די עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, **וְנִתְגַּדֵּל וְנִתְעַלָּה בְּחִינַת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ** און עס ווערט געגרויסט און געהויבן די בחינה פונעם באשעפער'ס מלוכה. **כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל** (אבות פ"ג מ"ה) **כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עוֹל מַלְכוּת וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ** אזוי ווי חז"ל זאגן אונז אז 'ווער עס איז מקבל אויף זיך עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם נעמט מען אוועק פון אים די עוֹל (פְּלאגענישן) פון די מַלְכוּת און די עוֹל פון אלע מענטשליכע דאגות, **כִּי כָּל מַלְכוּת זָר נִכְנָע וְנִשְׁפָּל לִפְנֵי בְּחִינַת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ** ווייל יעדע פרעמדע מַלְכוּת (וואס איז נישט פון קדושה) און פלאגעניש ווערט אונטערטעניגט און דערנידערט פאר די בחינה פונעם באשעפער'ס מַלְכוּת, **עַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל** וואס (די מַלְכוּת פון קדושה) ווערט געהויבן דורך די מעשים פון די יודן.

**וּבִפְרָט עַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כָּרָאוּי נִתְגַּדֵּל מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ** און באזונדער ווערט געגרויסט דעם באשעפער'ס מלוכה דורך היטן דעם שבת ווי עס ברויך צו זיין, **כְּמַאֲמַר יִשְׂמְחוּ 'בְּמַלְכוּתְךָ' שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת וְכוּ'** אזוי ווי אונז זאגן ביים דאווענען יִשְׂמְחוּ בְּ'מַלְכוּתְךָ' שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת אז די שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת טוען זיך פרייען מיט דעם באשעפער'ס מלוכה וואס ווערט געגרויסט דורך שְׁמִירַת שַׁבָּת. **שֶׁבְּשַׁבָּת נִתְמַלְּאָה בְּחִינַת מַלְכוּת שֵׁם אֲדֹנָ"י בְּמִילּוּאָהּ גִּימַטְרִיָּא תרע"א ווייל אין שבת ווערט אנגעפילט די בחינה פון** מַלְכוּת פון די שֵׁם אֲדֹנָ"י מיט די מילוי וואס איז בגמטריא תרע"א (671), **וְעִם שֵׁם אֵ"ל עוֹלֶה גִּימַטְרִיָּא שַׁבָּת און ווען אונז רעכענען צו די גימטריא פון די** שֵׁם **אֵ"ל** (31) (וואס אֵ"ל איז מרמז צו מלכות) צו די גימטריא תרע"א (671) איז עס בגמטריא (702) פונקט ווי די ווארט 'שַׁבָּת'.

**(פרשת שלח ד"ה ועתה יגדל נא)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת שלח

### וה' אתנו אל תיראום - נישט דאָ וואָס צו זאָרגן, מיר זענען אין גוטע הענט

'**ואתם** אל תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם, סר צילם מעליהם, וה' אתנו אל תיראום' (י"ד, ט').

די ווערטער פון דער הייליגער תורה זענען אַקטועל אין יעדער צייט. איז דאָס אַזוי ווי אַ נבואה וואָס איז גילטיג אויך היינטיגע צייטן, אַזוי ווי אַ 'בת קול' וואָס רופט אויס 'וה' אתנו אל תיראום' - אידישע קינדער, דער בוב"ע איז מיט אונז, האָט'ס נישט קיין מורא[א]!

**אויב** דער מענטש האָט אמונה אַז דער אויבערשטער איז מיט אונז, און אַלעס וואָס פּאַסירט אויף די וועלט ווענדט זיך נאָר אין דעם אויבערשטן, האָט ער נישט מורא פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט, אַזוי ווי הרה"ק בעל 'בית אהרן'

---

**א.** איינער פון די 'פריצים' האָט אויף די עלטערע יאָרן געוואָלט פאַרקויפן זיין גאַנצן פאַרמעגן, אַריינגערעכנט אַ גרויסן וואַלד וואָס ער האָט פאַרמאָגט, פאַר גאָר אַ ביליגן סכום. אין דער געגנט וואָס האָט געהערט צום פריץ, האָט געוואוינט אַ טשאָרטקובער חסיד, וועלכער האָט זייער געוואָלט אָפּקויפן דעם 'גיט' פונעם פּריץ, ווייל ער האָט שוין 'געזען' פאַר די אויגן די געוואַלדיגע 'פאַרדינסטן' וואָס ער קען דאָ מאַכן.

אין יענע תקופה, איז אים אויסגעקומען צו פאָרן קיין טשאָרטקוב צו זיין רבי'ן, הרה"ק רבי דוד משה זי"ע. אַריינקומענדיג צום רבי'ן, האָט ער דערלאַנגט אַ 'קוויטל', וואו ער האָט מזכיר געווען פאַר'ן רבי'ן, אַלעס וואָס ער האָט געהאַט מזכיר צו זיין. נאָך דעם ווי דער רבי האָט אים אָנגעוואונטשן, האָט דער חסיד דערציילט מיט התרגשות, אַז ווי עס ווייזט אויס, וועט ער אינגיכן ווערן גאָר רייך, ווייל ס'איז אים אונטערגעקומען אַ גוט 'געשעפט', צו קויפן אַ וואַלד... האָט דער רבי אים געזאָגט, פאָלג מיך, און קויף נישט דעם וואַלד. דער חסיד האָט אָבער נישט געקענט פועל'ן ביי זיך 'מוותר' צו זיין אויף די געוואַלדיגע פאַרדינסטן וואָס ער האָט שוין 'געזען' מיט זיינע אויגן. האָט ער געטראַכט ביי זיך: איך האָב דאָך באמת, נישט 'געפרעגט' דעם רבי'ן וועגן דעם געשעפט, איך האָב אים נאָר 'דערציילט' דערוועגן, ממילא, מוז איך נישט פאָלגן דעם רבינ'ס עצה, און שאָדן האָבן אַזוי פיל געלט...

פון קארלין זי"ע האט נאכגעזאגט אין פסוק (ישעי' כח, טז), 'המאמין לא יחיש' - נאמען פון זיין טאטן, הרה"ק רבי אשר דאס הייסט, 'לא ידאג' - ער זאל נישט סטאלינער זי"ע, ('בית אהרן' קמג.), אויפן דאגה'ן.

---

דער חסיד האט פארקויפט אלע זיינע פארמעגענס, כדי צו קענען קויפן פונעם פריץ דעם גרויסן וואלד, און ער האט אפילו אנגעבארגט פון גוטע פריינט ריזיגע סומעס געלט, ווייל כאטש דער וואלד איז געווען זייער ביליג לויט זיין אמת'ע ווערד, אבער עס האט זיך נאך אלץ געהאנדלט פון גאר א גרויסע סומע געלט. ער האט געקויפט דעם וואלד מיט אלע זיינע ביימער. נאכ'ן אפקויפן דעם וואלד, האט ער געדינגען ארבעטער אפצוהאקן די ביימער פון וואלד. אבער ווי צובראכן איז ער געווארן ווען ער האט געזען באלד נאכ'ן אפשניידן דעם ערשטן בוים, אז עס איז פול מיט ווערים... דאס זעלבע האט ער געזען אויך ביים צווייטן בוים, און אויך דער דריטער בוים איז געווען פול מיט ווערים. דעמאלס האט ער ערשט פארשטאנען ווי נאריש ער איז געווען אז ער האט נישט געפאלגט דעם רבינ'ס עצה, און יעצט, אז ער האט נישט געפאלגט דעם רבינ'ס עצה, איז ער געבליבן א בלוטיגער ארימאן, 'נקי מנכסיו', און דערצו נאך מיט א היבש ביסל חובות אויפ'ן קאפ...

אלס רעזולטאט דערפון, האט דער חסיד אויפגעהערט צו פארן צום רבי'ן קיין טשארטקוב, ווייל ער האט זיך דאך געשעמט פאר'ן רבי'ן אז ער האט נישט געפאלגט זיין עצה. נאך צוויי יאר, האט ער זיך בארעכנט, מיין גאנצן פארמעגן האב איך ליידער פארלוירן, 'וכאשר אבדתי אבדתי', אבער פארוואס זאל איך אויך פארלירן מיין רבי'ן... און ער האט זיך אויפגעהויבן און איז אריבערגעפארן קיין טשארטקוב.

אריינקומענדיג צום טשארטקובער רבי'ן, האט ער זיך מתוודה געווען פאר'ן רבי'ן און געזאגט, היות איך האב נישט געפאלגט דעם רבי'ן, ווייל איך האב נישט פארשטאנען און געגלייבט אז דער רבי זעט פיל מער ווי איך זע, האט פאסירט מיט מיר אזא זאך, אז כ'זאל פארלירן מיין גאנצן פארמעגן. האט הרה"ק רבי דוד משה זי"ע אים געזאגט:

- זאלסט נישט מיינען, אז דאס איז געווען אן ענין פון רוח הקודש. ניין, נאר ווייל איך האב געזען אז **דו ביזט אזוי זיכער ביי זיך**, אז אט אט וועסטו ווערן א גרויסער עושר, און עס האט זיך נישט דערקענט אויף דיר אפילו אביסל 'הכנעה' פאר'ן באשעפער פון דער וועלט, וואס דאס גאנצע רייכטום קומט פון אים, דערפאר האב איך פארשטאנען אז דו וועסט נישט מצליח זיין אין דעם געשעפט, און איך האב דיר אלזא געראטן נישט צו קויפן דעם וואלד...

דער וואָס גלייבט אינעם באַשעפער, אַז ער פירט די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישן, פאַרלאָזט זיך און ער פאַרזיכערט זיך אויפ'ן אויבערשטען. ממילא, האָט ער נישט קיין שום סיבה פאַרוואָס צו זאָרגן, ווייל ער ווייסט באמת אַז ער געפינט זיך אין גוטע הענט. דער אויבערשטער טראָגט אים אייביג, און ממילא, פאַרזיכערט ער זיך אויפן אויבערשטען אַז ער וועט אים באשיצן און וועט אויך ערפילן אַלע זיינע באַדערפענישן[ב].

**ב.** דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים (כז, א) 'לדוד ה' אורי וישעי **ממי** אירא, ה' מעוז חיי **ממי** אפחד'. ער זאָגט נישט '**ולא** אירא', נאָר 'ממי אירא' - און 'ממי אפחד' - **פון וועמען** זאָל איך מורא האָבן, און **פון וועמען** זאָל איך ציטערן. די כוונה דערפון איז, אַז דוד המלך ע"ה האָט געהאַט אַזוי פיל בטחון אין דעם אויבערשטען, אַז ער האָט זיך געוואונדערט, **'פון וועמען איז דען דאָ מורא צו האָבן'?!..** ווער האָט דען עפּעס אַ 'כח' צו טוהן עפּעס אויף דער וועלט... נאָר דער אויבערשטער איז דער 'תקיף ובעל היכולת כולם'.

מ'דערציילט, צו אַ חתונה איז אַמאָל געקומען איינער משמח זיין דעם חתן, און ער האָט זיך דעריבער פאַרשטעלט פאַר אַ בער. האָט אַ קליין קינד וואָס האָט זיך געפונען ביי דער חתונה, אָנגעהויבן וויינען פון גרויס פחד אַז עס איז דאָ אַריינגעקומען אַ 'בער'. האָט זיין טאַטע אים געוויזן אַז 'לא דובים ולא יער'... ס'איז נישט אַ 'בער', נאָר סתם אַ מענטש וואָס פאַרשטעלט זיך אונטער דער מאַסקע פון אַ בער...

דאָס האָט דוד המלך ע"ה געמיינט ווען ער האט געזאָגט 'ממי אירא'. פון וועמען האָב איך דען מורא צו האָבן, אַז **איך זע קלאָר אַז איך געפין זיך אין די הענט פון דעם באַשעפער ברוך הוא,** און אַלע שרעקעדיגע פאַסירונגען זענען נישט מער ווי אַ וועג פאַר דעם אויבערשטען זיך צו באַהאַלטן הינטער זיי...

על דרך משל, מיט יארן צוריק זענען קינדער פון אַ חדר געפאָרן מיט אַ 'טרעקל' צום הר הזיתים, מתפלל צו זיין ביי די קברים פון די צדיקים וואָס ליגן דאָרט. ווי באַקאַנט, איז דער שאָסיי דאָרט זייער געדרייט און שרעקעדיג. נאָך דעם ווי זיי האָבן געענדיגט מתפלל זיין, זענען זיי צוריק אַרויף אויף דעם 'טרעקל'. פלוצלינג האָט איינער אָנגעהויבן שרייען, אַז דער טראַק פאָרט אַראָפּ פון זיך אַליין (ווייל דער דרייווער זיצט פון פאָרנט אין א באזונדערע צומערל, אזוי ארום אז די קינדער וואָס זיצן נישט פאָרנט, קענען נישט זעען דעם דרייווער) עס גליטשט זיך אַראָפּ... און ער שרייט 'ראַטעוועט! ראַטעוועט! ווייל מיר וועלן אין אַ מינוט אַראָפּפאַלן ח"ו צום טיפן תהום...' ביז איינער וואָס איז געזעסן 'אויבן-אָן' אינעם טראָק, האָט זיי באַרואיגט, אַז ער האָט געזען דעם דרייווער אַרויפגיין דורך די טיר פון דער לינקער זייט, און ער זיצט אויף

זיין אָרט. ער איז דער וואָס פירט דעם טראָק... האָבן די דערשראָקענע קינדער זיך באַרואיגט, ווייל ביז יעצט האָבן זיי געמיינט אַז דער טראָק פאָרט אַליין, און ווער ווייסט וואָס די רעזולטאַטן וועלן זיין... אָבער יעצט ווייסן זיי אַז עס איז דאָ אַ 'מנהיג' וואָס פירט דעם טראָק ווי ער פאַרשטייט, מיט אַ פונקטליכן חשבון אויף יעדע באַוועגונג, און ממילא, איז נישט דאָ אַ סיבה מורא צו האָבן.

אַוודאי און אַוודאי, אויב מיר וועלן וויסן און גלייבן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט, און מ'קען זאָגן וועגן אַלע געשעענישן אַז זיי קומען פון אונזער ליבן טאַטן אין הימל, און ממילא, איז נישט דאָ וואָס צו זאָרגן, ווייל מיר געפינען זיך 'אין גוטע הענט'...

נאָך מער, אין אָנהייב האָבן די קינדער אויפ'ן טראָק מורא געהאַט אויך ווען דער טראָק איז 'געקראָכן' גאָר פאַמעליך, אָבער נאָך דעם ווי ס'איז זיי קלאָר געוואָרן אַז ס'איז דאָ אַ 'דרייווער' וואָס פירט דעם טראָק, האָבן זיי שוין נישט מורא, אויך ווען עס פאָרט גאָר שנעל... דאָס זעלבע איז בנוגע אמונה. **דער וואָס גלייבט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט, האָט נישט מורא אפילו ווען עס בושעוועט אַ 'שטורעם ווינט'...**

דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, האָט געליטן פון צער גידול בנים ל"ע. ער האָט ביי זיין לעבן פאַרלוירן עטליכע קינדער רח"ל. טראָץ אַלעם, איז ער אָבער שטענדיג געווען פריילין. ווען מ'האָט אים געפרעגט, 'ילמדינו רבינו', פון וואו נעמט דער רבי די געוואַלדיגע כוחות הנפש זיך צו האַלטן, און נאָך דערצו, צו זיין פריילין... האָט רבי יוסף חיים געענטפערט: ס'איז די טבע פון מענטשן, אַז ווען עס פאַסירט אַן ערד ציטערניש ח"ו, לויפן יעדער וואו נאָר מעגליך. דאָס איז באמת אַ גרויסער וואונדער, ווייל וואָס וועט זיי העלפן צו לויפן דאָ אָדער דאָרט? ווער זאָגט זיי דען אַז 'דאָרט' וועט די ערד נישט ציטערן?... נאָר וואָס דען, די איינציגע עצה איז, אַז דער מענטש זאָל זיך צובינדן מיט אַ שטריק 'אויבן', און דורך דעם וועט ער נישט אַריינפאַלן אין דער ערד ווען עס פאַסירט אַן ערד ציטערניש.

און רבי יוסף חיים האָט אויסגעפירט: דאָס איז דער איינציגער וועג זיך צו האַלטן, ווען **מ'טוט זיך צובינדן צום טאַטן אין הימל, און אויב מ'בינדט זיך צו אויבן אויף אַ גוטן אופן, מיט די אמת'ע אמונה, האַלט מען זיך, און מ'קען זיין פריילין...**

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל האָט געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די 'זמירות' (פונעם אריז"ל) שבת בייטאָג, 'צרורא דלעילא דבי חיי כולא'. 'צרורא' איז פון לשון צובינדן. **איינער וואָס איז 'צוגעבונדן' אויבן מיט אמונה, איז זוכה צו 'חיי כולא' - ער וועט האָבן אַ גוט לעבן**, ווי דער נביא חבקוק זאָגט 'וצדיק באמונתו יחיה'.

אין צוגאָב צו דעם וואס אמונה און בטחון זענען דער 'מעדיצין' פאַר'ן מענטש, דאַרפן מיר וויסן, אַז עס איז דער רצון פון דעם באַשעפער אין יעדע צייט אַז מיר זאָלן זיך איינקויפן אמונה און זיך שטאַרקן[ג] און איינוואָרצלען אין

---

**ג.** מיר האבן געהערט פון איינעם וואָס האָט זיך געדאַרפט אויפהאַלטן אין שפיטאָל במשך פון עטליכע טעג. האָט ער געזאָגט על דרך מליצה, דער צוואָנציגסטער קאַפיטל פון תהלים הייבט זיך אָן מיט'ן פסוק 'יענך ה' **ביום צרה**', און עס ענדיגט זיך מיט'ן פסוק '**יעננו ביום קראנו**'. האָט דער איד געזאָגט אַז אין די טעג ווען ער האָט זיך געפונען אין שפיטאל, האָט ער אינדערפרי געטראַכט ביי זיך, אַז עס קומט אויף אים היינט אַ טאג פון אַ צרה ח"ו, אָבער ביינאַכט האָט ער געזען צוריקוועגס אַז עס איז גאָר געווען אַ בחינה פון 'יעננו ביום קראנו', אַ טאג פון קשר און נאָענטקייט, פול מיט תפילה צום אייבערשטען.

## מן הבאר

דער סלאָנימער חסיד רבי מרדכי יחיאל (מאָטל) לוריא זצ"ל, פלעגט זאָגן אויף די ווערטער פון דער גמרא (קידושין פב:) 'אשרי מי שבניו זכרים, אוי לו למי **שבניו נקבות**'. איז שווער, חז"ל וואָלטן לכאורה געדאַרפט זאָגן אַז ווייִ איז פאַר דעם וואָס זיינע 'טעכטער' זענען נקיבות, און נישט זיינע 'זין' ('בניו').

איז דער תירוץ, אַזביידע רעדן פון 'בניו' - די זין... איין זון קומט אַהיים פון ישיבה, און ער דערציילט פאַר זיין טאַטן 'חידושים' - חידושי תורה וואָס ער האָט געהערט, אָדער מחדש געווען ביים לערנען. אַ צווייטער זון דערציילט אים פאַרשידענע 'נייעס'. אויף דעם זאָגט די גמרא, '**אשרי מי שבניו זכרים**' - וואויל איז פאַר דעם טאַטן וואָס זיינע קינדער זענען אַלץ פאַרנומען מיט 'חידושים', וואָס איז אַ 'לשון זכר'. '**אוי לו למי שבניו נקבות**' - וואָס זיי דערציילן אייביג 'חדשות' - נייעס, וואָס איז אַ 'לשון נקבה'.

**דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא לגבי בחורים וואָס לערנען אין ישיבה, נאָר פאַר יעדן איינעם. וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס איז מקיים 'בניו זכרים'. ער שטאַרקט זיך און באַנייט זיך אין עבודת השם. ער שטאַרקט זיך אין לימוד התורה, און אין דאַווענען ערליך און מיט כוונה. און ווייִ איז פאַר דעם וואָס איז מקיים 'בניו נקבות' - ער פאַרפאַטשקעט זיינע טעג מיט נאַרישקייטן, זייענדיג אייביג פאַרנומען נאָר מיט נייעס...**

**לדידן ייאמר. יעדער מענטש גייט אַמאָל אַריבער שוועריגקייטן. מ'דאַרף אָבער וויסן אויסצונוצן אַז ס'זאל זיין אַ טאג פון 'יעננו ביום קראינו'. פאַרמערן צו לערנען**

אונזער הארץ אַז אַלעס איז פון הימל', ווי חז"ל זאָגן 'אין אדם נוקף אצבעו

---

**און דאַווענען בכמות ובאיכות, און זיך שטאַרקן מיט אמונה און בטחון 'הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'. 'ובחרת בחיים'...**

**ד.** הגה"צ רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, האָט געזאָגט, מענטשן זענען גענויגט צו טראַכטן, אַז ווען עס איז אַ תקופה פון אַ 'הסתר' ח"ו, דאַרף מען זיך שטאַרקן מיט אמונה. דער אמת איז אָבער פאַרקערט, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה, טוט ער זיך באַהאַלטן כביכול, כדי אַלע זאָלן זיך שטאַרקן מיט אמונה. (געברענגט אין ספר 'חיבת העבודה')

הגאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער איז געפאָרן פון זיין שטוב אין בני ברק צו דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים וואו ער האָט געדינט אַלס איינער פון די ראשי הישיבה, איז זיין זייגער אַראָפּגעפאַלן פון זיין האַנט. האָט ער אויפגעהויבן דעם זייגער פון דער ערד, און ער האָט געזען אַז דער זייגער האָט אויפגעהערט אַרבעטן. עס איז געבליבן שטיין גענוי ביי דער שעה ווען עס איז אַראָפּגעפאַלן, און נישט געגאַנגען ווייטער.

איז רבי אברהם געגאַנגען צום זייגער-מאַכער, וועלכער האָט נאָכ'ן באַקוקן דעם זייגער געזען אַז די באַטעריע האָט זיך אויסגעלאָזט. האָט ער געברענגט אַ נייע באַטעריע, און ס'איז געוואָרן 'תחיית המתים'...

האָט רבי אברהם גניחובסקי זיך געוואונדערט: אויב די באַטעריע איז געווען אַלט און אויסגענוצט, ווי אַזוי האָט עס פאַסירט אַז זי איז 'געשטאָרבן' **פונקט** אין דער מינוט ווען דער זייגער איז געפאַלן?...

האט דער זייגער-מאַכער אים ערקלערט: 'ריכטיג טאַקע, ס'איז כמעט נישט געבליבן אַ חיות אין דער באַטעריע. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער זייגער איז געלעגן נאָרמאַל, האָט עס געהאַט כח ווייטער אָנצוגיין. אָבער אין דער מינוט ווען דער זייגער איז געפאַלן און זיך צעקלאַפּט, האָט ער זיך שוין נישט געקענט צוריקקערן צו זיין פריערדיגע שטאַרקייט'.

ווען רבי אברהם איז שפּעטער צוריקגעקומען אין ישיבה, האָט ער געזאָגט צו די בחורים, אַז אויפן וועג צו דער ישיבה, האָט ער געלערנט אַ 'גרויסן שיעור'... און ער האָט זיי דערציילט אַלעס וואָס ס'האָט פאַסירט מיט'ן זייגער. און רבי אברהם האָט אויסגעפירט, אַז מ'לערנט זיך פון דעם אַ מוסר השכל, אַז די זעלבע איז אויך ביים מענטש. דער וואָס איז נישט אַזוי גוט 'אָנגעלאָדנט' מיט אמונה, אָבער אַזוי לאַנג ווי ער 'פאַלט נישט', וועט אים גארנישט פאַסירן... פון דער אַנדערער זייט

קען מען לערנען, אַז **דער וואָס איז גוט 'אָנגעלאָדענט' מיט אמונה, ס'איז גוט איינגעוואָרצלט ביי אים אין האַרץ, איז אויך, אויב ער וועט חלילה האָבן אַ נפילה, וועט אים גארנישט פּאַסירן...**

דאָס איז אונזער פליכט אייביג, פון איין זייט זיך צו היטן אַז מ'זאל נישט ווערן געפאַלן ביי זיך, און פון דער אַנדערער זייט זאָל מען זען אָנצולאָדענען און אָנפילן די 'באַטעריע' פון אמונה... צו גלייבן אַז אַלעס איז פון הימל!

מ'דערציילט, אַז אַמאָל איז געקומען קיין ראָפּשיץ געקומען איינער וואס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט 'אחיזת עינים' מיט אַלע סארטן חכמות. ער האָט געקענט שפּרינגען פונעם דאך פון אַ בנין וואָס איז געווען דריי שטאָק הויך, און ער איז נישט געשעדיגט געוואָרן אַפילו מיט א קליינע קראַץ...

ווען דער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער קען דאָס באַוויזן, האָט יענער אים געוויזן אַן אייזערנעם דראָט צוגעבונדן פון אויבן ביז אונטן. ממילא, עס דאַכט זיך טאקע פאַר מענטשן אַז ער 'שפּרינגט אַראָפּ' פון אויבן צו די ערד, 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא', אָבער באמת האָט ער זיך אָנגעהאַלטן שטאַרק אין דעם דראָט, אַזוי אַז עס איז בכלל נישט געווען קיין פאַלן...

פון דעם האָט דער ראָפּשיצער רב זי"ע געלערנט, אַז **דער מענטש וואָס איז 'צוגעבונדן' און באַהאַפטן אויבן מיט אַ שטאַרקע אמונה, ווערט נישט געשעדיגט אפילו פון די גרעסטע 'נפילות', נישט ברוחניות און נישט בגשמיות.** ער וועט קיינמאָל נישט פאַרלירן זיין שמחת החיים, ווייל ער בלייבט אייביג צוגעבונדן צום לעבעדיגן באַשעפער אין יעדער צייט.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'פניני רבינו יחזקאל', אַז דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון ספר 'חזון יחזקאל', האָט דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען עס זענען פאָרגעקומען פאַגראָמען רח"ל אין לאנדאָן, וואו ער איז געזעסן אויפ'ן כסא הרבנות (נאָכ'ן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, וואו ער האָט אַ צייט געשמאַכטעט אין די טורמעס אין דער ווייטער קאַלטער סיביר), און ער האָט זיך דעמאָלס געשטאַרקט מיט דעם וואָס ער טוט אָן דעם טלית, און ער זאָגט די ווערטער 'בצל כנפיך יחסיון'. דעמאָלס שפּירט ער ממש ווי ער ווערט געהיטן דורך דעם אויבערשטען. ער האָט ממש געפילט ווי ער טוט זיך 'איינוויקלן' מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט כביכול.

יעדן טאָג, ביים אָנטוהן דעם טלית, ווען ער האָט געזאָגט דעם פסוק 'מה יקר חסדך אלוקים ובני אדם בצל כנפיך יחסיון' (תהלים לו, ח), פלעגט ער זאָגן צו דעם אויבערשטען, אַז דער טלית, מיט זיינע 'ארבע כנפות', איז דאָך מרמז אַז דער מענטש טוט זיך שיצן אין אַ באַהאַלטענעם אָרט, וואו? - 'בצל כנפיך יחסיון', אין שאָטן פון די פליגל פון די שכינה הקדושה כביכול, און וויבאַלד אַז ווען ער טוט אָן דעם טלית

אינדערפרי און טוט זיך 'איינהילן' אין די פליגל פון די שכינה, גייט ער דאָך אַריין אין אַ 'זיכערן צימער', און ממילא איז קלאָר אַז קיין שלעכטס וועט נישט פאַסירן מיט אים ח"ו אין משך פון גאַנצן טאָג. (אויך די בחורים וואָס טראָגן נאָך נישט אַ טלית, טראָגן דאָך אַ טלית קטן... און דער עיקר איז דאָך וואָס מ'האָט אין זינען דערביי, זיך אַריינצובערענגען אונטער דער שוץ פון די שכינה).

אַ וואונדערליכע מעשה, דערציילט הרב מנחם ווייס שליט"א פון אלעד. זיין פיר-יעריג יונגל האָט אַ לאַנגע צייט געליטן פון פאַרשידענע קרעץ אין די הויט פונעם קערפער (וואָס מ'רופט אויף ענגליש 'סורייעסיס'), וואָס איז גורם מ'זאָל זיך דאַרפן שטאַרק קראַצן און עס ברענגט אסאך צער און ווייטאג רח"ל, ה' ירחם. מ'איז געגאַנגען מיט'ן קינד צו פאַרשידענע דאָקטוירים און פראָפעסאָרן, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין רפואה. זיי האָבן אים געשיקט צום ים המלח, וואו ער וועט כאָטש טיילווייז קענען היילן די הויט.

עטליכע טעג פאַר יום טוב שבועות תשפ"ה, ווען דאָס קינד איז אַהיימגעקומען פון חדר, האָט ער דערציילט פאר זיין טאַטן אַ 'גוטע בשורה', אַז ער גייט בעזרת השי"ת אויסגעהיילט ווערן אויפ'ן גאַנצן קערפער... האָט דער טאַטע געפרעגט דעם יונגל: פון וואו נעמסטו אַזאַ זיכערקייט, אַז דיין הויט וועט אינגאַנצן אויסגעהיילט ווערן? האָט דאָס קינד געענטפערט מיט אַ פשטות, אַז דער 'רבי' אין 'חדר' האָט גערעדט מיט די קינדער אין קלאַס, וועגן דעם יום טוב שבועות וואָס גייט קומען אין עטליכע טעג פון היינט, און צווישן אַנדערן האָט ער דערציילט פאַר די קינדער, אַז ביי מתן תורה זענען אַלע קראַנקע און בעל מומין אויסגעהיילט געוואָרן. אויך האָט ער זיי געזאָגט, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט נאָך אַמאָל זיין 'מתן תורה', ממילא, איז ער (דאָס יונגל) זיכער אַז ער וועט אויך אויסגעהיילט ווערן פון זיין הויט קראַנקהייט... דער טאַטע האָט געשוויגן, און גאָרנישט רעאַגירט.

וואונדער איבער וואונדער: אינמיטן די יום-טוב'דיגע סעודה אין שבועות, האָט דאָס יונגל אויפגעהויבן דעם אַרמל פון זיין העמד, און געוויזן פאַר אַלעמען, אַז זיי האַנט איז ריין און ציכטיג, ווייס ווי שניי, אָן קיין צייכן... [געווענליך, אין דער תקופה ווען עס ווערט הייס אויף דער וועלט, פאַרמערט זיך אַ הויט קראַנקהייט ל"ע אויף אַ שטאַרקן אופן, צוליב די היצן און די אומריינע לופט, אָבער אין דעם פאַל, איז נישט נאר וואָס די מחלה איז נישט ערגער געוואָרן, נאָר ס'איז אינגאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן].

פון דעם זעען מיר **דעם כח פון אמונה פשוטה**. דאָס קינד האָט געגלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז די מחלה וועט זיך אויסהיילן אין יום טוב שבועות, און אַזוי איז געווען...

**דעם אמת געזאָגט, איז דאָך יעדער איינער פון אונז אַמאָל געווען אַ קינד... מיר דאַרפן נאָר אָפּלאָזן יעדע 'איבעריגע חכמה' וואָס מיר האָבן 'געקויפט' זינט דעמאָלס, און צוריק אָנהייבן צו גלייבן אַזוי ווי קליינע קינדער...**

מיר האָבן געהערט פון החסיד הישיש הרב מנחם רובין ז"ל, פון בית שמש יצ"ו, אַז ער האָט געהערט פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, שלמה המלך ע"ה איז דאָך געווען דער 'חכם מכל האדם' (מ"א ה, יא), און פונדעסטוועגן, האָט ער אַליין געזאָגט (קהלת ב, ט) 'אף חכמתי עמדה לי'. 'אף' איז ראשי תיבות א'מונה פ'שוטה. דאָס מיינט, **שלמה המלך האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצע 'חכמה', און ער האָט געגלייבט מיט אמונה פשוטה.**

ווילן מיר צוגעבן, אַז מ'קען אויך דרש'ענען די 'ראשי תיבות' פון 'אף', אַז עס איז אויך די ראשי תיבות פון אָ'ן פ'שעטלעך... נאָר מ'זאָל גלייבן מיט אמונה פשוטה, אָן חכמות און חשבונות, ווי מ'זאָגט 'מיט'ן קאָפּ אין וואַנט'. דאָס הייסט, איך נעמט אָן די זאַך אַזוי ווי עס איז, אָן זיך צו נייגן רעכטס אָדער לינקס, און אָן צו פּרובירן 'אויסטייטשן' די כוונה...

דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל פלעגט זאָגן, **אַז די 'סוגיא' פון אמונה איז ענליך צו אַ גלאָז קאַווע, אויב וואַרימט נישט כסדר די קאַווע, ווערט עס אָפּגעקילט.**

עס ווערט געברענגט (ספר 'תפארת ישראל', תולדות פון הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זצ"ל, אות קפו), אַז דער 'ישמח ישראל' זצ"ל איז אַמאָל געווען אין דער שטאָט לאָדזש פאַר אַ דבר מצוה. זייענדיג דאָרט, האָט ער אַ סאַך פאַרברענגט בתורה ובחסידות אין חסיד'ישן שטיבל.

איינמאָל איז ער דאָרט צוגעגאַנגען צו די ספרים שאַנק, און אַרויסגענומען אַ ספר. ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם ספר עטליכע מינוט, און נאָך דעם ווי ער האָט צוריקגעשטעלט דאָס ספר אויפ'ן אָרט, האָט ער שפּאַצירט 'פּאַרקאַטערהייט', אַרויף און אַראָפּ, אין שטיבל, ביז ער האָט זיך באַרואיגט און איז צוריקגעגאַנגען שמועסן מיט די יונגעלייט, און דערנאָך האָט ער געדאַווענט מעריב.

שפּעטער, ווען זיין בעל אכסניא, אַ גביר מיט'ן נאָמען ר' לוי ע"ה, האָט געזען אַז דער 'ישמח ישראל' איז נאָך אַלץ טיף פאַרטראַכט, האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז נאָך אַלץ אַזוי פאַרטראַכט, האָט דער 'ישמח ישראל' געענטפערט, אַז ער האָט געזען אין ספר 'יסוד העבודה' אויף דעם פסוק (תהלים פט, כא) **'ואמונתך סביבותיך', אַז אַפילו דער פשוט'סטער מענטש, אויב ער האָט אמונה, נעמט דיך דער אויבערשטען כביכול אַרום,** און דאָס האָט אים אויפגערודערט און אויפגעקאָכט.

אַנדערע צדיקים האָבן געטייטשט (זע אין ספר 'אמרות משה' בשם הרה"ק רבי משה מקאברין זצ"ל), דעם פסוק, 'ואמונתך סביבותיך', **דער רבונו של עולם איז דאָך דער 'ממלא כל**

**עלמין'. ער פילט אָן אַלע וועלטן, אָבער מיט אמונה, 'סביבותיך', רינגלט דער מענטש אַרום דעם אויבערשטען אַרום זיך.**

אַ איד איז אַמאָל אַריינגעקומען זאַמלען נדבות, אין בית המדרש פונעם 'חפץ חיים' זצ"ל אין ראַדין. האָט איינער פון די מתפללים געזאָגט, אַז יענער איז אַ 'פּאַראַזיט', ווייל ער דרייט זיך ליידיג. ער איז פשוט פויל צו גיין אַרבעטן... אויב ער וואָלט געאַרבעט צו מאַכן פרנסה, וואָלט ער דאָך פאַרדינט צום לעבן, און ער וואָלט נישט געדאַרפט אַרומגיין נאָך געלט. האָט דער 'חפץ חיים' אים געזאָגט:

**- פאַרוואָס זאָל אַ איד וואָס האָט אמונה, נישט גלייבן, אַז ווייל עס איז נעבעך נגזר געוואָרן אויף אים ראש השנה, 'מי יעני', דערפאַר איז ער פויל צו גיין אַרבעטן?! דער 'מי יעני' איז נעבעך אָנגעגאָסן אויף אים ווי מיט בליי, און דערפאַר קען ער נישט גיין אַרבעטן.**

דער 'חפץ חיים' האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, אַז אַמאָל האָט דער מענטש אַפילו נישט אַ דעה אויף זיין פוילקייט, אויב ס'איז נגזר געוואָרן אויף אים פון הימל צו זיין אָרים ח"ו.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט אַן אײדים פונעם 'חפץ חיים' זצ"ל, וועלכע התנהגות פון זיין גרויסן שווער, עס האָט אים שטאַרק באַנומען. האָט ער געענטפערט:

- מיין שווער איז שטענדיג צוגעגאַנגען צו יעדן ענין מיט רואיגקייט און ישוב הדעת, אַפילו אין די שווערסטע זמנים. ער איז אַלעמאָל געווען רוהיג און שטאַרק אין זיין אמונה.

ער האָט געזאָגט, אַז זיין שווער, דער 'חפץ חיים' זצ"ל פלעגט זאָגן אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הושענות: 'הושענא אדמה מארר, דגן מדלקת, חטה מחגב, **נפש מבהלה**'. האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט, פונקט ווי אַ פייער פאַרברענט די קאָרן, פונקט ווי אַ היישעריק פאַרלענדט דאָס ווייץ, אַזוי טוט די בהלה פאַרלענדן ח"ו דעם נפש פון מענטש.

די תורה הקדושה זאָגט עדות וועגן נח, 'נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, את האלקים התהלך נח' (בראשית ו, ט). זאָגט דער 'בעל הטורים', אַז די סופי תיבות פון די ווערטער האלקי**ם** התהל**ך** נ**ח** איז 'חכם'.

זאָגט דער 'דברי ישראל', אַ כוונה דערין, אַז דער פסוק קומט אונז דערציילן די שבח פון דעם צדיק נח, אַז כאָטש ער איז געווען אַ געוואַלדיגער 'חכם', וואָס ס'איז כמעט נישט געווען זיינס גלייכן אויף דער וועלט, איז ער אָבער אומגעגאַנגען מיט'ן באַשעפער מיט תמימות, וואָס **דאָס איז דער עיקר אין עבודת השם**. דאָס איז די גרעסטע 'חכמה', נאָך אַלע 'חכמות'...

דער 'דברי ישראל' איז מוסיף, אַז דאָס איז אויך מרומז אין פסוק (משלי י ט) 'הולך בתם ילך בטח'. די סופי תיבות פון די דריי ווערטער 'בת**ם** יל**ך** בט**ח** איז 'חכם'.

דאָס איז אַ רמז, אַז נאָך אַלע 'חכמות' איז **דער עיקר צו גיין מיט תמימות**, און דאַן טוט מען זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ'האָט אמת'ע אמונה, טוט מען אויך מתפלל זיין צום באַשעפער ווי עס דאַרף צו זיין אַ תפילה, ווייל מ'גלייבט דאָך בפשטות אַז דער אויבערשטער איז דער 'מלך שומע תפילה', און ער נעמט אָן יעדע תפילה.

הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ זיבן-יעריג יונגל, האט ער זייער געוואָלט גיין שבועות ביינאַכט אין ביהמ"ד, אָבער זיין טאטע האָט אים נישט געוואָלט מיטנעמען אין שול, מיט די טענה אַז ער איז נאָך יונג, און וואָס וועט אַ קליין קינד טוהן אין שול... ער האָט אים דעריבער באַפוילן אָנצוטוהן די 'פידזשאַמעס', און זיך לייגן שלאָפן אין בעט. ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען אין שול צו זאָגן 'תיקון ליל שבועות', האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אפשר האָט ער יאָ געדאַרפט נאָכגעבן פאַר'ן קינד און אים מיטנעמען אין שול. ער איז אַלזאָ צוריקגעגאַנגען אַהיים, כדי צו ברענגען שמשון'ען אין שול. אָנקומענדיג אַהיים, האָט ער געזען ווי דאָס יונגל שטייט ביי דער טיר, אָנגעטוהן אין די יום-טוב'דיגע בגדים, און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואַרט אויפ'ן טאַטן צוריקצוקומען אַהיים אים נעמען...

האָט דער טאַטע געפרעגט דאָס קינד: שמשון, פון וואו האָסטו געוואוסט אַז איך וועל צוריקקומען אַהיים כדי דיך צו נעמען אין שול? האָט דאָס קינד געענטפערט: איך האָב מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער זאָל אַריינגעבן אין דיר אַ רצון צוריקצוקומען מיך נעמען, און **כ'בין געווען זיכער אַז מיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן**. דעריבער האָב איך מיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און געוואַרט אויף דיר אַז דו זאָלסט צוריקקומען...

## מן הבאר

עס שטייט אין ספר 'אור התורה' (פ' בא, ע' קמא), פון הרה"ק רבי שלום תאומים זי"ע (אַ פלימעניק פון דעם גאון בעל 'פרי מגדים' זי"ע, און אַ תלמיד פון הרה"ק בעל 'דגל מחנה אפרים' זי"ע, פון הרה"ק רבי ברוכ'ל מעזיבוזער זי"ע, און אַנדערע צדיקים), אַז ער האָט געהערט פון אַ 'צדיק וקדוש עליון', אַז ער האָט באַפוילן פאַר איינעם פון זיינע מקורבים, אַז אויב עס וועט פאַסירן מיט אים ח"ו אַן ענין פון אַ צער אויף סיי וועלכער זאַך אויף דער וועלט - 'יהיה מה שיהיה' - צי בנוגע געלט, אָדער אַנדערע זאַכן רח"ל, זאָל ער זאָגן אויף דער אידישער שפּראַך: 'רבונו של עולם, דו האָסט מיך באַשאַפן, דו געבסט מיר חיות, איך האַלט מיך נאָר אין דיר אַליין, און ווייטער האָט צו מיר קיינער ניט'. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס וועט אַוודאי העלפן גערעטעוועט צו ווערן פון יעדן צער און פון יעדן שאָדן, 'והוא בדוק', עכ"ל.

מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה׳ה. ממילא, איז נישט דאָ קיין

---

און אָט איז אַ מעשה, וואָס מיר האָבן געהערט עטליכע יאָר צוריק פון אַ טייערן איד מיט׳ן נאָמען ר׳ דוד שליט״א, וועלכער וואוינט אין פראַנקרייך. ער האָט אונז דערציילט ווי פאָלגענד:

- כ׳בין אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ ׳גראָסערי׳ געשעפט, און אָט זע איך אַז אין אַ ווינקל פאַרקויפט מען דאָרט ׳פּלעי-מאָבילס׳. בין איך אַהין געגאַנגען און געזוכט צו קויפן עפּעס פאַר מיין פיר-יעריגן יונגעלע אהרן, און איך האָב געזען אַ ׳פּאָליס-קאַר׳, וואָס איך האָב געוואוסט אַז ער האָט זייער ליב אַזאַ סאָרט ׳פּאָליס-קאַר׳. איך האָב נישט געטראַכט קיין סאַך, און עס געקויפט פאַר אים - אַ זאַך וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ביז היינט נישט געטוהן.

- ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים, איז דאָס קינד שוין געשלאָפן, האָב איך אַוועקגעגעבן דעם קליינעם פּאָליס-קאַר צו מיין בני בית, און איך האָב איר דערציילט אַז כ׳האָב עס געקויפט פאַר אונזער אהר׳לע. איז זי אויפגעשפּרינגען פון אָרט, ווי אַ מענטש וואָס זעט אַ וואונדערליכע זאַך וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. האָב איך איר געפרעגט, וואָס ביזטו אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דעם קליינעם ׳פּאָליס-קאַר׳ וואָס איך האָב געקויפט פאַר אהר׳לען?... האָט זי מיר געענטפערט, אַז ממש איידער דאָס קינד איז איינגעשלאָפן, האָט זי אים דערציילט אַז מעשה מיט אַ פרוי וואָס איז געווען נישט געזונט ל״ע און זי האָט מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער זאָל איר שיקן אַ רפואה שלימה מן השמים. איר תפילה איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און זי איז בחסדי השי״ת געזונט געוואָרן אויף אַ פולשטענדיגן אופן. האָט אהר׳לע געפרעגט די מאַמע, אויב ער קען אויך מתפלל זיין צום באַשעפער. האָט זי אים געענטפערט, אַוודאי קענסטו מתפלל זיין... וואָס ווילסטו בעטן פון דעם אויבערשטען? האָט ער געענטפערט, יאָ, איך וויל האָבן אַן קאר שפּילצייג... און די מאַמע האָט אויסגעפירט, יעצט זע איך דאָך אַליין ווי די תפילה פונעם קינד איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און דו האָסט אים געקויפט אַ קליינעם ׳פּאָליס-קאַר׳, אַזוי ווי ער האָט ליב...

און רבי דוד לייגט צו: אַוודאי וואונדערט זיך יעדער איינער, איך איינגעשלאָסן, ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט געהערט די תפילה פונעם קינד, און ער האָט באַלד ערפילט זיין בקשה, אָבער דער ׳בעל שמחה׳ אַליין - דאָס קינד - איז בכלל נישט געוואָרן נתרגש, נאָר ער האָט עס אָנגענומען מיט אַ פשטות, ווייל ער האָט דאָך אַליין געהערט פון זיין מאַמע, אַז דער אויבערשטער הערט יעדע אידישע תפילה...

**ה.** ס׳איז דער סדר העולם, אז ס׳מאכט זיך כסדר ביי אַ ברית, אַז דער טאַטע שטייט שוין גרייט אַריינצוברענגען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו ע״ה, אָבער

אָרט צו זיין דערשראָקן און צעטומלט'.

**כבוד חברך - די וויכטיגקייט פון היטן אויף יענעמ'ס כבוד**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (יג, ח-יא) 'למטה אפרים' וגו', 'למטה יוסף למטה מנשה'. שרייבט דער רמב"ן ז"ל (במדבר א, לב), מיר געפינען אין דער תורה אַסאַך וועגן ווי אַזוי מ'ציילט און מ'איז מייחס דעם שבט פון יוסף הצדיק - אויף בײדע פון זיינע קינדער, מנשה און אפרים. אַמאָל ווערט אפרים דערמאַנט פריער אין פסוק, און ער איז אויך מייחס אויפ'ן נאָמען פון יוסף, ווי אין אָנהייב פרשת במדבר, וואָס דער פסוק זאָגט פריער, 'לבני יוסף לבני אפרים', און

---

צומאָל פאַרשפּעטיגט זיך דער 'סנדק', אָדער דאָס קינד איז נאָך נישט גרייט צום ברית. עס טרעפט אויך אַז ער איז פאַרנומען מיט די כיבודים און דאָס גלייכן. פאַרוואָס טוט דער אויבערשטער אַזוי צופירן?

האָבן מיר געהערט פון אַ איד אַ חכם אַ הסבר דערויף, אַז עס קומט אונז צו לערנען, אַז **דאָס אַליין איז די עבודה פון אַ איד, ווען ער מאַכט אַ 'בונד' מיטן באַשעפער, אַז אויך ווען ער איז 'צעטומלט', זאָל ער אָנהאַלטן דעם בונד מיטן אויבערשטען.** ער זאָל דעמאָלס אויסשרייען, 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד'... און אויף דעם וואונטשן מיר, 'כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים'. דאָס הייסט, אַזוי זאָל צוגיין זיין גאַנץ לעבן, אַז **אויך אויב ער איז אַמאָל 'צעטומלט' זאָל ער שרייען 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד'**... אין דעם באַשטייט דער גאַנצער 'כריתת ברית'.

**ו.** דאָס איז געזאָגט געוואָרן ספּעציעל כלפּי די עלטערן, אַז זיי דאַרפן שטיין אויף דער וואַך, צו שטאַרקן און מחזיק זיין די בני בית מיט אמונה.

גאר גרויס איז דער זכות פון איינעם וואָס שטאַרקט און איז מחזיק דאָס האַרץ פון זיין חבר מיט אמונה. אזוי געפינען מיר סוף פרשת דברים, זאָגט דער פסוק: 'לא תיראום כי ה' אלוקיכם הוא הנלחם לכם', און באַלד דערנאָך האָט משה רבינו ע"ה געזאָגט, 'ואתחנן אל ה''. ער האָט מתפלל געווען ער זאָל זוכה זיין אַריינצוקומען אין ארץ ישראל. זאָגט דאָרט דער 'בעל הטורים' אַ מורא'דיגע זאַך: אַז משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט, **איך האָב דאָך געשטאַרקט אידישע קינדער, אפשר וועט דער באַשעפער רחמנות האָבן אויף מיר.**

אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט פון משה רעיא מהימנא, אָבער מיר קענען על כל פנים לערנען דערפון, ווי גרויס עס איז דער שכר פון איינעם וואָס איז מחזק אַנדערע אידן, ער זאָל נישט מורא האָבן, דורך דעם וואָס ער איז זיי מעורר צו גלייבן אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט.

ערשט דערנאָך זאָגט ער 'לבני מנשה', און ער איז אים נישט מייחס צו יוסף, און צומאָל פאַרקערט. דאָ, אָבער (אין פרשת שלח) האָט די תורה געטוישט דעם סדר, און האָט מקדים געווען שבט אפרים, נאָר מ'האָט אים נישט מייחס געווען צו יוסף, און דערנאָך האָט מען געשריבן שבט מנשה, און ער ווערט יאָ נתייחס צו יוסף. דער טעם דערפון איז, ווייל מיט דעם האָט מען צוגעטיילט כבוד פאַר ביידע שבטים. מ'האָט געגעבן כבוד פאַר אפרים מיט דעם וואָס מ'האָט אים מקדים געווען פאַר מנשה, און מנשה האָט באַקומען כבוד מיט דעם וואָס מ'האָט אים מייחס געווען צו יוסף.

**אויב** דער אויבערשטער האָט אַזוי שטאַרק רחמנות געהאַט אויפ'ן כבוד פון אפרים און מנשה אַז זיי זאלן נישט האָבן קיין חלישות הדעת, איז דאָך אַ קל וחומר, אַוודאי און אַוודאי אַז מיר דאַרפן אָפּגעבן כבוד פאַר אַנדערע מענטשן היינטיגע צייטן,ז ווען

---

**ז.** ווי באַקאַנט, האָט אין יאָר תשכ"ז אויסגעבראָכן אַ מלחמה אין ארץ ישראל. אין צייט פון דער מלחמה האָבן די תלמידים פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, געלערנט אין דעם עס-זאל פון ישיבה, וואָס האָט געדינט ווי אַ בונקער זיך צו שיצן פון די באָמבאַדירונגען. עס האָט אָבער דאָרט געהערשט אַ מורא'דיגער פחד אויב ס'וועט חלילה פאַלן אַ באָמבע אויפ'ן בנין פון די ישיבה און איינוואַרפן דעם גאַנצן בנין אויף די מענטשן וואָס געפינען זיך דאָרט ח"ו, ה' ירחם.

נאָך דער מלחמה, ווען די בחורים זענען ברוך השם געבליבן גאַנץ בגוף ובנפש, זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן דאַך פון דער ישיבה, און זיי זענען געווען דערציטערט צו זען דריי גרויסע שראַפּנעלן וואָס זענען געווען בכח איינצווואַרפן דעם גאַנצן בנין פון דער ישיבה, אָבער זיי זענען געלעגן גאַנץ און האָבן נישט אויפגעריסן. פון דעם האָבן זיי געוואוסט אַז דער אויבערשטער האָט זיי באַוויזן אַ גרויסן נס.

האָט דער ראש ישיבה, דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, זיך געוואָנדן צו די בחורים, און געזאָגט:

- טייערע בחורים, איר זאָלט זיך נישט איינרעדן אַז דער נס האָט פּאַסירט אין אייער זכות. איך ווייס אין וועמענס זכות מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן, ווייל ווען איך בין געזעסן אין דעם עס-זאל, איז נישט ווייט פון מיר געזעסן אַ פרוי, וואָס זי איז ליידער אַן עגונה ל"ע, וואָס איר מאן האָט איר איבערגעלאָזט מיט יאָרן צוריק, און מ'ווייסט נישט ביז יעצט וואו ער איז אַהינגעקומען. זי איז געבליבן אַליין מיט אירע קינדער, און זינט דאַן ליידט זי פון ארימקייט און הונגער. זי קען קוים מיט שוועריגקייטן באוווייזן צו שפּייזן אירע קליינע קינדער, פון די פּאָר פרוטות וואָס זי פאַרדינט ביים רייניגן די הייזער. יעצט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, איז

זי אַריבערגעקומען מיט אירע קינדער דאָ אין דעם עס-צימער פון די ישיבה, ווייל אינדערהיים האָט זי נישט קיין בונקער אָדער א פארזיכערטן צימער.

ווען ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען די באָמבערדירונגען, האָט די צעבראָכענע פרוי מתפלל געווען צום באַשעפער מיט תפילות, און געזאָגט: 'רבונו של עולם, לפניך נגלו תעלומות לב. דו ווייסט דאָך זייער גוט אַז אויב איך וועל שטיין פאַר אַ משפט מיט מיין מאַן, וועל איך אַרויסקומען גערעכט. בעט איך דיך דערפאַר, לאָמיר מאכן אַן 'אָפּמאַך'. איך בין מוחל מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר מיין מאַן פאַר דעם גאַנצן צער וואָס ער האָט מיר גורם געווען, און דו וועסט מוותר זיין און מוחל זיין פאַר אַלע אידן וואָס געפינען זיך דאָ, אַז זיי זאָלן גערעטעוועט ווערן פון די מלחמה און אירע סכנות'.

און רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל האָט אויסגעפירט: 'נאָר אין זכות פון די דאָזיגע עגונה... זענען מיר גערעטעוועט געוואָרן פון די מלחמה'...

צו די מעשה, האָט צוגעגעבן הגאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א (געדרוקט אין גליון 'קול ברמה'), אַז עס איז אַ מצוה עס מפרסם צו זיין, אַז די דערמאַנטע עגונה איז נפטר געווארן נאָך פסח תשפ"ד, אין הויכן עלטער פון 110 יאָר, און זי האָט זוכה געווען איבערצולאָזן דורות ישרים ומבורכים, יראים ושלמים, 'אין פרץ ואין יוצאת'. (איר זיבעציג-יעריגער זון איז אַ 'יונגערמאַן' וועלכער לערנט אין כולל 'חזון איש'...).

פון דעם קענען מיר זען דעם גרויסן שכר וואָס עס באַקומען די מענטשן וואָס זענען מוותר און מוחל פאַר איינעם וואָס האָט זיי באַ'עוול'ט.

מיר האָבן שוין אַסאַך מאָל דערציילט, וועגן דעם גרויסן כח פון די 'נעלבים ואינם עולבים', צו פועל'ן ישועות פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

מיר האָבן געהערט פון אַ ברודער פון דעם בעל העובדא, אַז שבת פרשת תולדות תשפ"ה, איז אַ איד צוגעגאַנגען צום עמוד אַלס דער שליח ציבור אין אַ ביהמ"ד אין סטעטן איילענד, ניו יאָרק, און ער האָט זיך אַביסל 'צעזינגען', און געדאַווענט מיט אַביסל אַן אַנדערן נוסח ווי ס'איז איינגעפירט אין יענע שול. נאָכ'ן דאַווענען האט איינער פון די מתפללים אים 'באַפאַלן' פאַר זיין גרויסע 'חוצפה'... 'וכן לא יעשה'... מ'האָט געקענט זען קלאָר ווי דער 'חזן' איז געוואָרן געטשעפּעט פון זיינע שאַרפע ווערטער. איז איינער פון די אידן אין שול צוגעגאַנגען צו דעם בעל תפילה (דער וואָס איז צוגעגאַנגען האָט עס אונז דערציילט) און אים שטאַרק געבעטן אַז ער זאָל זיין אַ 'מעביר על מידותיו', און נישט ענטפערן יענעם... ער האָט אים אויך געבעטן, אַז ער זאָל מתפלל זיין אויף אַן עלטערן בחור פון 28 יאָר, ער זאָל בקרוב טרעפן זיין זיווג. דער בעל תפילה האָט טאַקע מתפלל געווען פאַר דעם בחור, און אַנדערהאַלבן וואָכן שפּעטער, מיטוואָך פרשת וישלח, האָט מען 'געבראָכן טעלער' בשעה טובה ומוצלחת...

פון דעם קען יעדער איינער פון אונז זיך אַראָפּלערנען אַז דער וואָס שווייגט און ענטפערט נישט ווען עמיצער פאַרשעמט אים, איז אַ 'יחסן' ביי מענטשן און אַ יחסן ביי דעם באַשעפער ברוך הוא, ווי די גמרא זאָגט (תענית כה:) 'לא מפני שזה גדול מזה, אלא שזה מעביר על מידותיו'...

דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, שרייבט אין אַ תשובה אין 'מנחת שלמה' (ח"א, סוף סימן ז) וועגן דעם ענין פון הלבנת פנים, און ער איז דאָרט מאריך וועגן דעם **פאַרוואָס מיר געפינען נישט אין חז"ל אַז זיי זאָלן האָבן מתיר געווען מחלל שבת צו זיין, כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן פון ווערן פאַרשעמט** (זעה שולחן ערוך או"ח, סי' שז, סי"ד), און ממילא, ווי אַזוי קען מען גרינגשעצן אין אַזאַ האַרבן ענין.

הרה"ק רבי יהודה'לע דזיקובער זי"ע האָט דערציילט, אַז איינער פון די מנהלים אין די ווזשניצער מוסדות, האָט אַמאָל נישט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר די מגידי שיעורים און אַנדערע איינגעשטעלטע שטאַב פון די ישיבה. דער מוסד איז זיי שוין שולדיג געווען אַ שיינעם סכום געלט. דער 'דעפיציט' איז פשוט געוואַקסן און געוואַקסן... בלית ברירה, איז דער שטאַב פון די ישיבה אַריינגעגאַנגען צו זיין שווער, דעם ווזשניצער רבי'ן הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, און אים דערציילט וועגן דעם שווערן מצב אין די מוסדות, צוליב דער 'אומטויגליכקייט' פון יענעם אדמינעסטראטער. האָט דער 'אמרי חיים' געזאָגט פאַר איינעם פון די אָנפירער, ער זאָל גיין זאָגן פאַר יענעם אַז דער מצב קען נישט ווייטער אַזוי אָנגיין, און בלית ברירה, וועט ער זיך מוזן אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.

אַ טאָג שפּעטער, האָט דער 'אמרי חיים' זי"ע געפרעגט יענעם אויב ער האָט אויסגעפירט זיין שליחות אָפּצוזאָגן יענעם פון דער אַרבעט. האָט דער שליח געענטפערט, אַז ניין. ער האָט נישט געזאָגט אַ וואָרט פאַר יענעם. האָט דער 'אמרי חיים' אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט עס נישט אויסגעפירט. האָט דער איד געענטפערט: 'איך קען נישט מקיים זיין אַזאַ שליחות פון 'שפיכות דמים', מצער צו זיין אַ איד און פאַרגיסן זיין בלוט'... האָט דער 'אמרי חיים' זיך אויפגעשטעלט, און יענעם געהאַלדזט מיט גרויס חביבות, זאָגנדיג:

**- אַזעלכע תלמידים האָב איך געוואָלט אויפשטעלן, וואָס זיי קענען נישט אויספירן אַ שליחות פון שפיכות דמים...**

ביים דערציילן די מעשה, פלעגט הרה"ק רבי יודא'לע זי"ע צולייגן, לכאורה איז דאָך יענער שליח וואָס האָט נישט מקיים געווען זיין שליחות, געווען אַ מחוצף, ער האָט נישט אויסגעפירט דעם רצון פונעם רבי'ן... אָבער דער שווער, דער 'אמרי חיים', האָט אַנדערש געטראַכט. אדרבה, ער האָט זיך גאָר שטאַרק געפרייט אַז

דער דעת איז אַזוי אָפּגעשוואַכט, 'צרכי עמך ישראל מרובים ודעתם קצרה'[ח].

יענער איז נישט מסוגל גורם צו זיין אַ צער און עגמת נפש פאַר אַ איד, דורך אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. (געברענגט אינעם קונטרס 'דבריו חיים וקיימים')

**ח.** 'המפורסמות אין צריכין ראיה'. ס'איז פשוט און קלאָר ווי שטאַרק אַ בשר ודם באַקומט כח און מוח און אַ שמחת החיים ווען עמיצער לאָזט אים הערן ווערטער פון חיזוק, אפילו מיט אַ 'קליינינקייט', און אַוודאי און אַוודאי ווען ס'איז מיט אַ 'מדה טובה מרובה'.

**מן הבאר**

מ'דערציילט, אַז אַרום צוואָנציג יאָר נאָך דעם ווי דער בעל 'הלשם' זצ"ל האָט אַרויסגעגעבן זיין טיפזיניגן חיבור אויף קבלה, האָט ער געהערט אַז בשעתו, ווען זיין ספר איז אָנגעקומען אין באַגדאַד, איז דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל אַרויס אין אַ פרייליכן טאַנץ לכבוד דעם ספר. ער האָט זיך נישט באַרואיגט ביז ער האָט געשטעלט אַ חופה, אַזוי ווי מ'מאַכט ביי אַ הכנסת ספר תורה.

ווען דער בעל ה'לשם' האָט געהערט דערפון, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ווען איינער פון זיינע מקורבים האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי, האָט דער 'לשם' אים געוויזן אַז ער האָט אין זיין צימער נאָך אַסאַך כתבים אין חכמת הקבלה וואָס זענען נאָך קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן.

ער האָט צוגעגעבן, אויב איך וואלט געוואוסט אַז מ'לויבט אַזוי שטאַרק מיינע ספרים אויף דער וועלט, וואָלט איך אַרויסגעגעבן נאָך אַסאַך ספרים...

פון דעם קענען מיר לערנען **ווי ווייט אַ וואָרט פון חיזוק האָט אַ השפעה, אַפילו פאַר אזעלכע גרויסע מענטשן ווי דער בעל ה'לשם', און אַוודאי און אַוודאי פאַר פשוט'ע מענטשן, און אַוודאי און אַוודאי פאַר אזעלכע מענטשן ווי אונז.**

דער גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל פון ווילנא, האָט אַמאָל געשריבן אַ המלצה-בריוו פאַר אַן אלמנה. אינעם בריוו, האָט דער גאון געשילדערט דעם שווערן מצב אין וועלכן די אלמנה געפינט זיך. ווען די אלמנה איז געקומען צום הויז פונעם גאון אָפּצונעמען דעם בריוו, און זי האָט איבערגעלייענט וואָס רבי חיים עוזר שרייבט, האָט זי אָנגעהויבן וויינען אָן אויפהער. אויף דער פראַגע פון רבי חיים עוזר פאַרוואָס זי וויינט, האָב איך דען נישט געשריבן דעם בריוו ווי איר ווילט? האָט די פרוי אים געענטפערט:

- איך אַליין, האָב ביז יעצט זיך נישט געכאַפּט ווי שלעכט מיין מצב איז. ערשט ביים איבערלייענען דעם בריוו פונעם רב, וואו ער שילדערט אַזוי קלאָר מיין מצב... האָב איך באַגריפן ווי אַ גרויסער 'רחמנות' איך בין...

פון דעם קען מען זען ווי דער גאון הדור רבי חיים עוזר זצ"ל, האָט געוואוסט אַריינצודרינגען אינעם האַרץ פון אַ צובראָכענע אלמנה, און פאַרשטיין איר מצב 'על בוריו'. אַזוי האָט ער פאַרשטאַנען איר מצב **נאָך בעסער ווי זי אַליין** האָט עס פאַרשטאַנען...

עס ווערט דערציילט ('אדמו"ר בעלזא', ח"ג, ע' שמ) אַז אין דער צייט ווען דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געוואוינט אין מונקאַטש (נאָך די ערשטע וועלט מלחמה), האָט ער אַמאָל געפרעגט איינעם פון די גבאים פון צדקה, הרה"ח ר' משה מאיר טייכמאַן ע"ה, אויב ער האָט געגעבן פאַר אַ געוויסן אָרימאַן געלט אויף יום טוב. האָט ר' משה מאיר געענטפערט אַז יאָ. האָט דער בעלזער רב אים געפרעגט וויפיל געלט ער האָט אים געגעבן, און ר' משה מאיר האָט געענטפערט, אַז ער האָט אים געגעבן גענוג געלט צו קויפן מצות, וויין און קאַרטאָפל אויף יום טוב, פאַר זיך און זיין משפחה. האָט דער בעלזער רב אים געזאָגט:

- ס'איז נישט גענוג וואָס דו האָסט אים געגעבן אויף יום טוב. אויב דו ווילסט אַז ער זאָל האָבן אַן עונג יום טוב, דאַרפסטו אים צוגעבן נאָך געלט אויך אויף אַלע זיינע באַדערפענישן **נאָך** יום טוב, ווייל אויב נישט, וועט ער נישט זיין רואיג ווען ער ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין שפּעטער. גאַנץ יום טוב וועט ער זיצן און זאָרגן פון וואו וועט ער נעמען געלט צומאָרגענס נאָך יום טוב.

זיין זון, דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, האָט אַמאָל איבערגע'חזר'ט מערערע מאָל דעם פסוק אין פרשת נשא (ה, יא) וועגן די מתנות כהונה: 'איש כי יתן לכהן לו יהיה'. זאָגט רש"י, **'לו יהיה, ממון הרבה'**. און דער בעלזער רב האָט עס געזאָגט מיט אַ ספּעציעלע תנועה: **'בפועל ממש... בפועל ממש...'**

דאָס הייסט, עס איז נישט סתם אַ 'דרוש' פון רש"י אַז מ'וועט האָבן 'ממון הרבה', נאָר **ס'איז פשוט און קלאָר, אַז דער וואָס גיט פון זיין געלט פאַר אַנדערע אידן, 'מתנות כהונה' פאַר דעם כהן, אָדער צדקה פאַר אָרימעלייט, אדער ווען מ'גיט אַוועק פאַר יענעם דאָס אייגענע 'האַרץ', איז מען זוכה צו אַ גרויסן שכר**, ווי דער בעלזער רב זי"ע האָט געזאָגט: **'בפועל ממש'**.

דער שאָצער רב פון לאָנדאָן, הרה"ק ר' שלום זי"ע, בעל 'דעת שלום', האָט ערקלערט די דערמאנטע ווערטער פון רש"י, 'לו יהיה ממון הרבה', נאָך מער. די וועלט זאָגט, **'אַז מ'האָט געבט מען'**. דאָס מיינט, אויב דער מענטש האָט גענוג געלט, און נאָך אַסאַך מער פון דעם וואָס ער דאַרף, איז ער בכח צו געבן און

**ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם - אַלעס וועגדט זיך אין שמירת העינים**

**אין** דער היינטיגער פרשה (טו, לט) לייענען מיר: 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם' וגו'. דער פסוק זאָגט-אָן אַז אַ איד איז מחויב צו היטן זיך די אויגן, נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן.

**דאָס** איז אַ חיוב מדאורייתא[ט], ווי דער רבינו יונה ז"ל שרייבט אין 'שערי תשובה' (שער ג, אות סד) אַז אַסאַך מענטשן ווערן ליידער אַריינגעכאַפּט ביים פאַרשוועכן די וויכטיגע חושים, דעם חוש פון זען, און מ'דאַרף געדענקן אַז די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט נישט צו קוקן אויף זאַכן וואָס מ'טאָר נישט, 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם'.

אַזוי שרייבט אויך דער 'דרך פקודיך' (ל"ת לה, חלק הדיבור, אות ו): **אַסאַך** מענטשן צווישן דעם המון עם טראַכטן אַז ס'איז נאָר אַן ענין פון חסידות, און זיי היטן זיך נישט פון קוקן אויף פרויען. זאָלסטו וויסן, מיין פריינט, אַז ס'איז אַן איסור גמור מדאורייתא, און דער רמב"ם ז"ל שרייבט שוין (הלכות תשובה פ"ד, ה"ד) וועגן די זאַכן וואָס האַלטן צוריק די תשובה. איינע פון זיי איז ווען דער מענטש ווערט נכשל מיט ראיית עריות, ווי ער שרייבט: 'והוא אינו יודע שראיית העינים עון גדול' - ער ווייסט נישט, אַז דאָס קוקן מיט די אויגן איז אַ גרויסע עבירה'. עס ברענגט צו די האַרבסטע עבירות רח"ל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם'.

---

אַוועקשענקען פון זיינעם פאַר אַנדערע מענטשן, אָבער דער דערמאַנטער פסוק טוט זיי אָפּלייקענען, און ער זאָגט, אַז אדרבה, **'אַז מען געבט, האָט מען'**... 'איש אשר יתן לכהן, לו יהי'... ער איז זוכה צו גרויסע מתנות פון הימל.

**ט.** דער 'משנה ברורה' שרייבט (סי' עה, סק"ז), לגבי דעם ענין פון קוקן וואו מ'טאָר נישט, **לויט אַלע שיטות**, דער מענטש וואָס קוקט אויף אַ פרוי, אַפילו אויף איר קליינעם פינגער, וויבאַלד ער קוקט כדי הנאה צו האָבן, איז ער עובר אויפ'ן לאו פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם' וגו'.

אַזוי פסק'נט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל להלכה ('אגרות משה', או"ח סי' מ), **אַז יעדער מענטש איז מחויב אַראָפצוקוקן ווי ווייט מעגליך צו דער ערד ווען ער גייט אויפ'ן גאַס**, אָבער נישט אויף אַן אופן אַז ער זאָל זיין ווי אַן 'פרוש קיזאי', וואס האַקט זיך אַריין דעם קאָפּ אין וואַנט און עס רינט בלוט ח"ו (זע סוטה כב., און רש"י, דאָרט, ד"ה 'מקיז'), עכ"ל.

**י.** דער ווילנער גאון זצ"ל שרייבט ('אמרי נועם', ברכות סא.) אויף די ווערטער פון דער גמרא 'אחורי ארי, ולא אחורי אשה'. שרייבט דער גאון, דער מענטש זאָל ענדערש גיין אונטער אַ לייב, **כאָטש ער איז עובר אויף דעם לאו פון 'לא תרצח'**, און עס

ס'איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער ראב"ד ז"ל ('בעלי הנפש', שער הקדושה): דער ערשטער גדר פון אַלע גדרים איז צו היטן די אויגן[א], ווייל אויב די אויגן פונעם מענטש זענען אָפּגעהיטן, איז זיין האַרץ אָפּגעהיטן, און אויב זיינע אויגן און זיין האַרץ זענען אָפּגעהיטן, איז דער גאַנצער מענטש אָפּגעהיטן. אָבער אויב ער היט נישט זיינע אויגן רח"ל, איז ער זיכער אַז ער וועט פאַלן און געשטרויכלט ווערן[ב], אַזוי ווי חז"ל זאָגן (במדב"ר פ"י, סב) 'עין רואה והלב חומד וכלי המעשה גומרים'.

---

שטייט 'וחי בהם', וואָס חז"ל דרש'ענען דערויף, 'ולא שימות בהם'. פונדעסטוועגן, איז עס בעסער ווי איידער עובר צו זיין אויף 'לא תנאף', ווען דער מענטש גייט אונטער אַ פּרוי.

מ'דערציילט וועגן דעם גאון ר' זלמל'ע פון וואָלאָזשין זצ"ל, איינער פון די גדולי התלמידים פון דעם ווילנער גאון זצ"ל, אַז ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס אין ווילנא, איז ער געגאַנגען ביי דער זייט פון דער גאַס, דאָרט וואו עס געפינען זיך די רערן פון די אָפּלויף-וואַסער ('סוער' בלע"ז). ווען מ'האט אים געפרעגט פאַרוואָס ער גייט דאָרט, מ'טאָר דאָך דאָרט נישט טראַכטן פון דברי תורה, האָט ר' זלמל'ע געענטפערט, אַז אויב ער וועט גיין אינמיטן דער גאַס, וועט ער עובר זיין אויף די ווערטער פון חז"ל, 'אחורי ארי, ולא אחורי אשה', און ער וויל ענדערש אויסקלויבן דעם 'רע במיעוטו', צו גיין אויף אַזאַ וועג. (געברענגט אין ספר 'תולדות אדם'). זעהן מיר פון דעם אַז ס'איז בעסער צו טראַכטן וועגן די שמוציגע וואַסער, ווי איידער צו טראַכטן וועגן...

**יא.** אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק ר' משה קאברינער זי"ע, אויפ'ן פסוק (צפניה ג, כ) בשובי את שבותיכם לעיניכם אמר ה'. **'בשובי את שבותיכם'** - ווען אַ איד נעמט זיך תשובה טוהן. **'לעיניכם'** - זאָל ער דאָס ערשטע פאַרריכטן זיינע אויגן, און פון דאָרט, וועט ער צוקומען צו אַלע הויכע מדריגות.

לויט דעם האָט דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'ישועות משה' זצ"ל, געזאָגט אַ טעם פאַר דעם מנהג ישראל (וואָס דער מקור דערפון איז אין מסכת ברכות דף י"ג עמוד ב') צוצודעקן די אויגן ווען מ'לייענט קריאת שמע, ווייל דער ערשטער יסוד פאַר קבלת עול מלכות שמים איז צו היטן די אויגן, און ממילא, **ווען מ'שטעלט זיך לייענען קריאת שמע און מ'וויל נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, דאַרף מען פריער צומאַכן די אויגן...**

**יב.** הגה"ק בעל 'משנת חסידים' זצ"ל שרייבט אין זיין ספר 'חושב מחשבות', אַ טייטש אויפ'ן פסוק (דברים כח, לד) 'והיית משוגע ממראה עינים'. חז"ל זאָגן (סוטה ג.) 'אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות'. אויף דעם זאָגט דער פסוק,

**'והיית משוגע'** - דו וועסט קומען צו זינדיגן ח"ו (דורך דעם 'רוח שטות'). **'ממראה עיניך'** - ווייל דו וועסט קוקן מיט דיינע אויגן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן.

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט (זע 'בית אהרן', ליקוטים, ד"ה 'יציץ'), דעם פסוק (ישעיה כו, ז) 'יציץ ופרח ישראל'. **'יציץ'** - אויב דער מענטש קוקט מיט זיינע אויגן דאָרט וואו אַ איד טאָר נישט קוקן. **'ופרח ישראל'** - פליט חלילה אַרויס דאָס גאַנצע אידישקייט פון אים, ווייל דורך איין הסתכלות פון איסור, פאַרלירט דער מענטש יעדן גוטן חלק וואָס איז דאָ אין אים.

## מן הבאר

עס שטייט אין ספר 'מחזה עינים', אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די נאַטור פונעם מענטש, אַז ווען ער האָט אַ ווייטאָג און צער ח"ו רינען טרערן פון זיינע אויגן. פאַרוואָס רינען נישט די טרערן פון אַנדערע איברים אינעם קערפּער? און נאָך מער איז שווער, פאַרוואָס קומען נישט די טרערן פון דעם אבר וואָס טוט אים וויי?

זאָגט דער 'מחזה עינים', אַז דאָס איז דערפאַר ווייל **די אויגן פונעם מענטש זענען דער אָנהייב פון אַלע עבירות**, וואָס צוליב זיינע עבירות איז דער מענטש בצער, און דעריבער, ווען ס'איז ענג פאַר דעם מענטש און ס'איז אים ביטער, טוען זיינע אויגן אַרויסלאָזן טרערן, **ווייל די אויגן האָבן געברענגט אויפ'ן מענטש אַלע צרות און ענגשאַפטן!**

לויט דעם, טייטשט ער דעם פסוק (תהילים קיט, קלו) 'פלגי מים ירדו עיני על לא **שמרו** תורתך'. דער פסוק זאָגט נישט, על לא **'שמרתי'** תורתך, נאָר על לא 'שמרו' תורתך - זיי (די אויגן) האָבן נישט געהיטן דיין תורה, און צוליב דעם רינען טרערן פון די אויגן, און נישט פון אַנדערע איברים...

דער 'מחזה עינים' ברענגט (דאָרט) אַ משל וועגן דעם ענין פון שמירת העינים. עס איז די סדר פון יעדע לאַנד, אַוועקצושטעלן וועכטער ביי די גרעניצן אַז מ'זאָל נישט אַריינשמוגלען סחורות וואָס מ'האָט נישט געצאָלט דערויף שטייערן. אויב די גרעניץ-וועכטער טוען זייער אַרבעט געטריי אַז עס זאָל נישט אַריינקומען אין לאַנד קיין אומלעגאַלע זאַכן, האָבן זיי אַ לייכטע אַרבעט, און זיי קענען אַפילו מצליח זיין גאָר שטאַרק אין זייער אַרבעט. אָבער אויב זיי וועלן זיך נאָכלאָזן ביים האַלטן אַן אויג ביי דער גרעניץ ווי ס'דאַרף צו זיין, און די סחורה איז שוין אַריינגעשמוגלט געוואָרן אינעם לאַנד, איז די אַרבעט פון די גרעניץ-פּאָליציאַנטן פילפאַכיג שווערער, אַרומצופאָרן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, און פון איין דאָרף צום אַנדערן, כדי

**אַזוי** טרעפן מיר אין חז"ל (ויק"ר פכ"ד, ו) אויף די ווערטער וואָס די 'שונמית' האָט געזאָגט וועגן אלישע (מ"ב ד, כז) 'הנה נא ידעתי כי איש אלוקים קדוש הוא'. פון וואו האָט די 'שונמית' געוואוסט אַז אלישע איז אַ הייליגער און געטליכער מאַן? זאָגט רב איבון, וויבאַלד ער האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף איר. פון דאָ האָבן חז"ל געזאָגט, 'כל מי שגודר עצמו מן הערוה נקרא קדוש'. יעדער מענטש וואָס טוט זיך היטן פון אַן ערוה, נישט צו קוקן ווי מ'טאָר נישט, ווערט אָנגערופן אַ 'קדוש'. וועגן מיר פון דעם, אַז אַלעם ווענדט זיך אין שמירת העינים. אויב דער מענטש היט זיינע אויגן, ווערט ער אָנגערופן הייליג, און אויב נישט[ג]...

**מורא'דיגע** ווערטער, זאָגט דער זוהר הקדוש (תיקו"ז תיקוני ע, לא.) 'וכל דינין תליין בדיבורא, וכן בעינין,

---

צו זוכן און געפינען די געשמוגלטע סחורות. און נישט נאָר דאָס, נאָר זיי וועלן אויך נישט באַוויזן צו געפינען די סחורות, ווייל די שמוגלער האָבן גענוג פּלעצער וואו צו באַהאַלטן זייערע סחורות, און די פּאָליציאַנטן האָבן נישט געוואוסט פון די אַלע באַהעלטענישן...

דער נמשל איז, דער יצר הרע זוכט אַריינצושמוגלען זיין 'סחורה' דורך דעם 'טויער' פונעם קערפּער. דאָס הייסט, דורך די אויגן, און פון דאָרט טוט ער אַריינברענגען זיין סחורה אינעם 'לאַנד'. דאָס הייסט, אינעם קערפּער פונעם מענטש. ממילא, **אויב דער מענטש היט זיך גוט ביי דער 'גרעניץ' - די אויגן, נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, וועט ער גאָר לייכט קענען אויסמיידן דעם יצר הרע פון 'אַריינשמוגלען' זיינע טריפה'נע 'סחורות'**. אָבער אויב ער גיט נישט אַכטונג ביי דער 'גרעניץ'. דאָס מיינט, ער האָט חלילה געקוקט דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן... וועט אים פון יעצט אָן זיין פיל שווערער צו זוכן אין אַלע איברים צו געפינען וואו דער יצר הרע האָט באַהאַלטן זיין 'סחורה'...

ער פירט אויס, אַז דערפאַר דאַרף יעדער 'בעל נפש' צוריקהאַלטן זיינע אויגן נישט צו קוקן אויף שלעכטס, און אַזוי וועט ער נישט אַריינלאָזן דעם יצר הרע אין זיין גרעניץ.

**יג.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, האָט געזאָגט אויף די פסוקים (טו, לט-מ) 'וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי **והייתם קדושים לאלוקיכם**'. איז שווער, פאַרוואָס זאָגט ער נישט די ווערטער 'והייתם קדושים לאלוקיכם', אויך נאָך די ווערטער 'וזכרתם את כל מצוות ה' ועשיתם אותם', אַזוי ווי ער זאָגט נאָך די ווערטער 'למען תזכרו' וגו'.

כמו דאוקמוה מארי מתניתין (ב"ב קלא.) 'אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות', עכ"ל. דאָס הייסט, אַז דער דין פונעם מענטש ווענדט זיך אין דעם וויפיל ער היט זיינע אויגן און זיין מויל.

פון דער אַנדערער זייט, איז גאָר גרויס און אומשאצבאר דער גוטער שכר וואָס דער אויבערשטער באַצאָלט פאַר די ערליכע אידן וואָס היטן זייערע אויגן בקדושה ובטהרה, ווי דער רבינו יונה שרייבט ('אגרת התשובה', יט, כ), אַז דער מענטש וואָס הייבט נישט אויף זיינע אויגן, איז זוכה אַז זיינע אויגן וועלן זען די זיסקייט פונעם באַשעפער, מידה כנגד מידה, ווייל חז"ל זאָגן (ויק"ר פכ"ג, יג) אַז

---

זאָגט דער 'חפץ חיים', אַז פון דאָ זעט מען אַ מורא'דיגע זאַך, אַז דאָס **מקיים זיין אַלע מצוות פון דער תורה, טוען נישט הייליגן דעם מענטש, אויב ער טוט נישט היטן די גדרים פון קדושה.** נאָר נאָך דעם ווי דער פסוק זאָגט 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', קען מען זאָגן אַז ער וועט זוכה זיין צו זיין הייליג צו זיין באַשעפער. (געברענגט אין ספר 'שביבי לב', פון הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל, וועלכער האָט עס געהערט מפ"ק פונעם 'חפץ חיים')

**יד.** דאָס קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, שאַדט אויך צו די פרנסה פונעם מענטש,

ווי עס שרייבט דער 'בית אברהם' (חנוכה, נר ד', ד"ה 'ולא') אַז דער איסור פון קוקן שטייט אין דער תורה מיט'ן לשון 'ולא תתורו וגו' אשר אתם **זונים**'. 'זונים' איז פון לשון 'מזונות' ('שפייזן'), ווייל **דער וואָס 'שפייזט' זיך מיט ראיות אסורות, שאָדט עס אים צו די פרנסה.**

און דער 'בית אברהם' גיט צו, אַז דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (סוטה מח.) אַז ווען ס'איז בטל געוואָרן די טהרה, איז אַוועקגענומען געוואָרן דער טעם פון די פירות, ווייל איינס ווענדעט זיך אין אַנדערן [און צוליב דעם זאָגן חז"ל (ברכות כ. זבחים קיח:) דאָס לשון, 'זן' עיניו מדבר עבירה, וואָס עס שטייט נישט אַזוי וועגן איינעם וואָס רעדט לשון הרע, אַז ער איז אַ 'זן פיו', א.ד.ג.].

און דאָס איז נוגע נישט נאָר 'מזוני', נאָר אויך 'חיי' דער געזונט און דאָס לעבן פונעם מענטש.

אַ בחור האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, אַז אַ געוויסער 'מקובל' האָט אים געזאָגט אַז ס'איז דאָ אויף אים אַ גרויסע 'עין הרע'. האָט דער 'בית ישראל' געזאָגט צו דעם בחור:

- די גמרא זאָגט (ב"מ קז:) אַז 99 מענטשן שטאַרבן פון אַן 'עין הרע' און איין מענטש שטאַרבט 'כדרך כל הארץ'. **'עין הרע' מיינט, אַז זיי האָבן נישט געהיטן די אויגן ווי ס'דארף צו זיין...**

דער מענטש וואָס האַלט זיך צוריק פון קוקן אויף עריות איז זוכה אַז ער וועט מקבל זיין דעם פנים פון די שכינה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה לג, טו) 'עוצם עיניו מראות ברע', און נאָך דעם זאָגט דער פסוק (פסוק יז) 'מלך ביפיו תחזינה עיניך'.

**ימי ביכורי ענבים - די מלחמה מיט'ן יצר הרע אין חודש תמוז, איז אויף די אויגן**

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יג, כ) 'והימים ימי ביכורי ענבים', זאָגט הרה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָליער זי"ע הי"ד (ספר 'קרנים', מאמר ליקוטי שושנים, אות ט), אין נאָמען פון 'ספר הפליאה', פאַרוואָס האָבן די מרגלים נישט מצליח געווען אין זייער שליחות אויסצושפּיאָנירן ארץ ישראל, ווייל די צייט איז געווען טעג פון 'ביכורי ענבים', און אויף דעם זאָגט דער פסוק (שמות ב, ב) 'ותצפנהו שלשה ירחים', און צוליב דעם שטייט אין פסוק 'ענבם', אָן אַ י' ('ענבים'), עכ"ל.

**זאָגט** הרה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָליער זי"ע, אַז די סיבה פאַרוואָס די מרגלים זענען אַדורכגעפאַלן איז ווייבאַלד זיי זענען געגאַנגען קיין ארץ ישראל אין טעג ווען דער ס"מ האָט אַ שליטה (אין די דריי חדשים טבת, תמוז, און אב), ווייל חז"ל זאָגן (תענית כט.) אַז די מרגלים זענען ארויסגעגאַנגען אין 29סטן טאָג פון חודש סיון, און זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצן חודש תמוז ביז תשעה באב, וואָס דאַן איז די הויפּט שליטה פונעם ס"מ רח"ל. און אויף דעם זאָגט רש"י אין דער היינטיגער סדרה (יג, ג) 'באותה שעה כשרים היו'. דייקא אין דעם טאָג ווען זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן (כ"ט סיון) זענען זיי נאָך געווען 'כשר', ווייל דעמאָלס האָט דער ס"מ נאָך נישט אַ שליטה, אָבער פון יענעם טאָג און ווייטער, האָט דער ס"מ געוועלטיגט איבער זיי און זיי האָבן פאַרלוירן זייער כשרות און ערליכקייט.

**דאָס** זאָגט דער פסוק, 'והימים ימי ביכורי ענבם'. די אותיות פאַר דעם וואָרט 'ענבם' זענען סמא"ל (דער אות ס' איז פאַר דעם אות ע'. דער אות מ' איז פאַר דעם אות נ'. דער אות א' איז פאַר דעם אות ב', און דער אות ל' איז פאַר דעם אות מ'), ווייל אין יענע טעג האָט דער ס"מ אַ שליטה חלילה, און צוליב דעם האָבן די מרגלים זיך נישט געקענט שטאַרקן אויף דעם נסיון און זיי זענען אַדורכגעפאַלן מיט זייער שליחות.

**מיר** ווייסן דאָך וואָס חז"ל זאָגן (ע"ז ג.) 'אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו'. ממילא איז קלאָר, אַז אויך אין די טעג פון חודש תמוז קען דער מענטש זיך שטאַרקן אויף זיין יצר הרע, און דער באַשעפער ברענגט קיינמאָל נישט אַ נסיון אויפ'ן מענטש אויב ער קען זיך נישט שטאַרקן אויף זיין נסיון. נאָר וואָס דען, אין די טעג פון חודש תמוז פּרובירט דער יצר הרע זיך מער

צו שטאַרקן אויפ'ן מענטש, און ממילא, דאַרף דער מענטש דעמאָלס שטיין מער אויף דער וואַך נישט אַריינצופאַלן חלילה אין דער נעץ פונעם יצר הרע[טו].

**ספעציעל** דאַרף מען זיך אין די טעג פון חודש תמוז און חודש אב, זיך שטאַרקן אין דעם ענין פון 'שמירת העינים', ווי עס שרייבט דער 'ספר יצירה', אַז די חדשים פון תמוז און אב זענען אַנטקעגן די צוויי אויגן פון מענטש, און די ספרים הקדושים זאָגן אויפ'ן פסוק (איכה א, טז) 'עיני עיני יורדה מים', אַז די חורבנות פון די צוויי בתי מקדשות זענען געווען אין די דאָזיגע צוויי חדשים וואָס זענען אַנטקעגן די אויגן, ווייל מ'האָט זיך נישט געהיטן די אויגן ריכטיג.

**דער** קאָזשניצער מגיד זי"ע שרייבט אין ספר 'עבודת ישראל', אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג, אויפ'ן פסוק (איוב לא א) 'ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה'. די חדשים תמוז און אב זענען (ווי דערמאָנט פריער) אַנטקעגן די אויגן, און דער 'מזל' פון חודש אלול איז 'בתולה'. איז דער פסוק מרמז, אַז דער וואָס היט זיינע אויגן אין די חדשים תמוז און אב, דאַרף מער נישט זאָרגן אין חודש אלול, ווייל אויב 'ברית כרתי לעיני', צו היטן די אויגן אין תמוז און אב, 'מה אתבונן על בתולה' - דאַרף ער נישט זאָרגן אינעם 'מזל בתולה' (חודש אלול).

**מיר** האָפן און זענען מתפלל, שומר ישראל שמור שארית ישראל, און דער אויבערשטער זאָל אויס אַרויסנעמען מצרה לרווחה, ומאפילה לאורה, ומשעבוד לגאולה, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, השתא בעגלא ובזמן קריב, ונאמר אמן.

---

**טו.** די ספרים הקדושים שרייבן טאַקע, אַז דער חודש תמוז איז מסוכן ח"ו ברוחניות ובגשמיות ('מגלה עמוקות', פ' פנחס, דרוש ה'), און אַ ראיה דערצו איז פון דעם וואָס אויך די פליגן מערן זיך דעמאָלס, וואָס דער 'פליג' איז מרמז אויף דעם יצר הרע, וואָס ער ווערט אָנגערופן 'זבוב' (ברכות סא.). און אויף דעם שרייבט הגה"ק רבי משה דוד וואלי זי"ע, אַ 'תלמיד חבר' פון הגה"ק רבי משה חיים לוצאטו זי"ע ('ספר הליקוטים', סדר הזמנים', עניין חודש תמוז), אַז דאָס וואָרט 'תמוז' איז די ראשי תיבות פון די ווערטער 'ת'וציאנו מ'רשת ז'ו טמנו לי', ווייל **אין דעם חודש דאַרף מען גאָר אַסאַך מתפלל זיין געראַטעוועט צו ווערן פון דער נעץ פונעם די כוחות הטומאה ברוחניות און בגשמיות**, און אַז מ'זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין דער 'נעץ' ה' ירחם. מיט תפילה גייט אָבער דער מענטש אַרויס פון יעדע צרה, ווי די ספרים זאָגן אַז די אותיות פון וואָרט תמו"ז זענען אויך די ראשי תיבות פון די ווערטער **'ו'**מלכות **ז'**דון מ'הרה **ת'**עקר'.

# חודש תמוז - ז׳מני ת׳שובה מ׳משמשין ו׳באין

חודש תמוז איז די צייט אָנצוהייבן תשובה טוהן אויפ׳ן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר, ווי ס׳איז באַקאַנט אַז תמו"ז איז ראשי תיבות ז׳ריזין מ׳קדימין ו׳עושין **ת׳**שובה, וואָס תשובה איז אַ מצות עשה אין דער תורה, ספּעציעל אין די ימי הרחמים והרצון, ממילא, איז שייך ביי תשובה דער ענין פון ׳זריזות׳, אַזוי ווי ביי די אַנדערע מצוות.

דער באָבובער רב, הרה"ק רבי שלמה (השני) זי"ע, פלעגט אין די זומער-וואָכן, ווען ער האָט זיך געפונען אויף אָפּרו אין ׳קאָנטרי׳, דאַווענען (אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע) אין שטוב, און ער פלעגט מאריך זיין ביים דאַווענען מיט אַ געוואַלדיגע השתפכות הנפש. ווען ער האָט געזאָגט דעם שטיקל ׳לא-ל ברוך׳, און איז צוגעקומען צו די ווערטער **׳בעל מלחמות׳**, האָט דער באָבוב׳ער רב איבערגעזאָגט די ווערטער אַסאַך מאָל, מיט אַ געוואַלדיגע התרגשות און מיט בכיות, אַ לענגערע צייט. ווען די רעביצין האָט געהערט פון אַנדערן צימער ווי דער רב וויינט, האָט זי געפרעגט אויב עס האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה, אָדער עס האַלט ביים אויסברעכן אַ מלחמה... האָבן די שטוב-מענטשן געוויזן פאַר די רעביצין אַז אַלעס איז אין אָרדענונג. די רעביצין האָט זיך אָבער נישט באַרואיגט, און געפרעגט, אפשר האָט עפּעס פּאַסירט אין ארץ ישראל וואָס מ׳דערציילט איר נישט...

נאָכ׳ן דאַווענען, ווען זי האָט געפרעגט דעם באָבובער רב מיט אַ ציטערדיגן טאָן, וועלכע מלחמה עס גייט אויסברעכן, וואָס דער רב האָט אַזוי מתפלל געווען מיט בכיות ביי די ווערטער ׳בעל מלחמות׳... האָט דער רבי איר געענטפערט:

- ס׳איז גאַנץ פּשוט. איך האָב אַ ישיבה מיט בחורים, וואָס דאַרפן **כסדר פירן שווערע ׳מלחמות׳ מיט׳ן יצר הרע**, וואָס זוכט זיי אַוועקצושטעלן פאַר שווערע און ביטערע נסיונות. צוליב דעם פאַרגיס איך אַזעלכע הייסע טרערן ביים בעטן דעם אויבערשטען, דעם ׳בעל מלחמות׳, אַז די יונגע בחורים זאָלן שטיין פעסט און זיך האַלטן שטאַרקן קעגן דעם יצר הרע, און זיי זאָלן זוכה זיין צו סייעתא דשמיא בתורה ויראת שמים...

די ספרים טייטשן דעם פסוק (שמות ד, יז) ׳ואת **המטה** הזה תקח בידך, אשר **תעשה בו את האותות**׳. ׳מטה׳ איז אַ שטעקן, עס קען אָבער אויך מיינען

**'איבערבייגן'**. איז דער פסוק מרמז, אַז דורך דעם וואָס דער מענטש טוט זיך 'איבערבייגן' צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ער איז זיך מכניע פאַר דעם אויבערשטען, איז ער זוכה צו מאַכן 'אותות' און 'מופתים', איבערדרייען די מערכות פון די טבע.

אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה האָט דערציילט, אַז י"ב טבת תשפ"ב, איז ער צוריקגעקומען אַהיים קיין ארץ ישראל, פון אַ רייזע אין חוץ לארץ. אינעם לופטפעלד, האָט ער געזוכט אַ טעקסי, מיט וועלכן אַהיימצופאָרן קיין ירושלים. ער האָט באַמערקט אַ טעקסי שטיין, מיט צען זיץ-פלעצער, פון וועלכע 9 ערטער זענען שוין געווען באַזעצט. עס האָט נאָר געפעלט אַ 'צענטער' אַז דער דרייווער זאָל זיך קענען אַרויסלאָזן אויפ'ן וועג קיין ירושלים.

ווען דער יונגערמאַן האָט זיך געוואָלט אַריינזעצן אינעם טעקסי, האָט ער געזען אַז נעבן זיין אָרט זיצט שוין אַ פרוי, און ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינזעצן אין יענעם טעקסי, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז יעצט וועט ער דאַרפן וואַרטן אויף אַ צווייטן טעקסי, און מ'קען קיינמאָל נישט וויסן ווי לאַנג עס וועט דויערן אָנצופילן אַ צווייטע טעקסי. ער האָט טאַקע געדאַרפט וואַרטן א דריי-פערטל שעה.

אינמיטן וועג, איז געווען אַ גרויסער 'טראַפיק', וואָס האָט אויפגעהאַלטן אַלעמען אַ האַלבע שעה. שפעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער ערשטער טעקסי (וואו דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געוואָלט אַריינזעצן), איז געווען פאַרמישט אין אַ שרעקליכן עקסידענט. דער דאַך פונעם טעקסי איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אָרט, און דער דרייווער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אויף אַ שרעקליכן אופן רח"ל. בלויז אין זכות פון זיין היטן די גדרי הקדושה, איז דער יונגערמאַן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ קאַטאַסטראָפע.

'ללמד על הכלל כולו יצא'. פון די מעשה לערנען מיר, אַז **ווען מ'היט די גדרים און סייגים פון יראת שמים, ווערט מען געראַטעוועט און געשיצט פון אַלעם בייזן**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי י, כז) 'יראת ה' תוסיף ימים'.